אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וואכעדיגע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק און גאון
רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.






## אמרות שמשון

### די תורה צייכנט אָן דער אָרט ווי דער אויבערשטער האט גערעדט צו משה רבינו | תשובה איז נחדש געווארן נאָר נאָכן חטא העגל | משכן ווערט חרוב אָנשטאָט כלל ישראל

**וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר (א, א):** די תורה הק' דערמאַנט דער ארט ווי דער אויבערשטער האט גערעדט צו משה רבינו, ווי עס שטייט אין פסוק, **מֵאֹהֶל מוֹעֵד**.

דאַרף מען פארשטיין פארוואס פאַרציילט די תורה דער אָרט ווי דער אויבערשטער האט גערעדט צו משה רבינו? א זאך וואס מיר געפונען נישט אין קיין שום אנדערע פלאץ אין די תורה.

מען קען דאס ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (גמרא ע"ז ד:), איידער כלל ישראל האט געזינדיגט מיטן חטא העגל איז נישט געווען אַזא זאַך פון 'תשובה', נאר דער וואס האט געזינדיגט האט נישט געהאט קיין פאַרצייאונג, בלויז מיתה האט מכפר געווען.

נאכדעם וואס כלל ישראל האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, האט משה רבינו געבעטן דער אויבערשטער זאל פאַרצייען כלל ישראל אויף זייער זינד, און דער אויבערשטער האט געזאָגט פאר משה רבינו (במדבר יד, כ): **'סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ'**.

דאן איז נתחדש געווארן דער כח פון 'תשובה'. פון דעמאָלטס אָן און ווייטער אויב איינער ווערט געשטרויכלט מיט אַן עבירה, קען ער תשובה טון און די עבירה וועט פאַרצייעט דורך זיין תשובה.

❖❖❖

מיט דעם קען מען ערקלערן פשט אין חז"ל וואס זאגן (רש"י ריש פרשת ויקהל), **'משכן', על שם שנתמשכן בעוונותיהם של ישראל**, וואס דאס איז מרמז אויפן חטא העגל, (וויבאַלד נאר צוליב דעם חטא העגל וועלן אידן פאַרטריבן ווערן אין גלות).

אויך דרש'ענען חז"ל, **'משכן' מלשון 'ושכנתי בתוכם'**, דאס איז מרמז אז דער אויבערשטער האט מוחל געווען כלל ישראל אויפן חטא העגל, און קומט רוען צווישן זיי.

לכאורה זענען די צוויי מימרות א סתירה, (אויב האט דער אויבערשטער מוחל געווען כלל ישראל אויפן חטא העגל, און קומט רוען צווישן כלל ישראל, דאן פארוואס איז די משכן מרמז אז די אידן וועלן פארטריבן ווערן אין גלות וואס דאס קומט נאר צוליב חטא העגל).

מיט'ן אויבנדערמאַנטן יסוד פארשטייט מען, די משכן וועט טאקע חרוב ווערן צוליב די עבירות, אבער כלל ישראל וועט פאַרבלייבן. און דאס איז טאַקע דער באווייז אז דער אויבערשטער האט מכפר געווען אויפן חטא העגל, און געגעבן די כח פון תשובה טון אויף די עבירות.

וויבאלד אָן א כפרה אויפן חטא העגל וואלט נישט געהאָלפן צו חרוב מאכן די משכן, נאר עס וואלט געדארפט ח"ו פאַראורטיילט ווערן מיתה אויף כלל ישראל. (עיין לעיל פרשת פקודי').

❖❖❖

לויט דעם קען מען ערקלערן דער טעם פאַרוואס דער פסוק דערמאַנט דער ארט ווי דער אויבערשטער האט גערעדט צו משה רבינו וואס דאס איז דער **'אהל מועד'**.

וויבאלד אין די פרשה שטייט אלע הלכות פון קרבנות חטאות ואשמות, א מענטש וואס איז עובר א עבירה קען קומען צום ביהמ"ק און מקריב זיין א קרבן מיט דעם וועט ער האבן א כפרה.

דערפאר וויל די תורה מרמז זיין, דאס אַלעס האט זיך אָנגעהויבן נאר נאכדעם וואס ס'איז געווען א כפרה אויפן חטא העגל, און ס'איז נתחדש געווארן דער מושג פון תשובה, מיט דעם איז מרומז דער גאַנצע ענין פון מקריב זיין קרבנות וואס דורכדעם ווערט א מענטש נתכפר אויף זיינע עבירות בשוגג.

דאס איז די תורה מרמז מיטן אָנווייזן די ארט ווי דער אויבערשטער האט גערעדט צו משה רבינו אין דער **'אהל מועד'**. 'אהל' טייטשט 'א געצעלט' וואס איז נישט א קביעות'דיגן הויז נאר א צייטווייליגע געצעלט, וויבאלד דאס גייט נישט בלייבן שטיין שטענדיג, דאס איז 'עתיד להתמשכן בשביל עונותיהם של ישראל', וואס דאס גייט זיין דער כפרה פאר כלל ישראל.

❖❖❖

מיט דעם קען מען מסביר זיין, פארוואס אין פרשת יתרו (כ, כא), ווען דער אויבערשטער האט באפוילן כלל ישראל צו בויען די מזבח, שטייט אין פסוק **'וְזָבַחְתָּ עָלָיו אֶת עֹלֹתֶיךָ וְאֶת שְׁלָמֶיךָ'**. אבער די תורה דערמאנט נישט 'חטאות ואשמות'.

וויבאלד פרשת יתרו איז געווען איידער די חטא העגל, און עס איז נאכנישט געווען דאס ענין פון תשובה און כפרה, מען האט נאכנישט געקענט נתכפר ווערן דורך קרבנות, דעריבער האט די מזבח געדינט נאר צו מקריב זיין עולות און שלמים, (וואס דאס קומט נישט פאר חטאים).

נאָר נאָכן חטא העגל ווען משה רבינו האט מתפלל געווען און מחדש געווען דער כח פון תשובה, דעמאָלטס האט דער אויבערשטער אויך באפוילן אויף קרבנות פון חטאות ואשמות.

(פרשת פקודי אות א')

### דער אויפטו פון קרבנות | עבירות במזיד קומט נאָר נאָכן עובר זיין עבירות בשוגג | אין גלות ווען מען פאַררעכנט אַלץ אונס צוליב די צרות | שיינע טייטש אינעם פסוק 'שגיאות מי יבין'

**וְסָמַךְ יָדוֹ עַל רֹאשׁ הָעֹלָה וְנִרְצָה לוֹ לְכַפֵּר עָלָיו (א, ד):** א קרבן איז נאר מכפר אויף א עבירה וואס דער מענטש האט געטון בשוגג. אויב אזוי דארף מען פאַרשטיין וואס איז דער אויפטו פון קרבנות? עס בלייבט דאך איבער אויפן מענטש די אלע הארבע עבירות וואס ער האט געטון במזיד, וואס דאס איז פיל הארבער פון עבירות בשוגג.

נאך דארף מען פארשטיין, עס שטייט אין חז"ל (יומא דף ט') דער בית המקדש איז חרוב געווארן צוליב דעם וואס כלל ישראל האט געזינדיגט.

פון אויבן-אויף איז דאס שווער צו פארשטיין, איינמאל מען נעמט אוועק דער ביהמ"ק, און מ'האט נישט מער דעם מעגליכקייט צו מקריב זיין קרבנות וואס ברענגט א כפרה אויף די עבירות, ווי אזוי וועט מען האבן א כפרה?

- אדרבה - אויב דארף מען האבן א כפרה, זאל מען יא איבערלאזן דעם ביהמ"ק אזוי וועט מען קענען מקריב זיין קרבנות, און דורכדעם וועט מען האבן א כפרה.

דער תירוץ איז, דער טעם פארוואס א קרבן איז נאר מכפר אויף א שוגג און נישט אויף מזיד, וויל ווען א מענטש טוט א עבירה בשוגג, טוט דער חטא צוברענגען ער זאל זיך דערווייטערן פון הקב"ה.

און דורכדעם וואס מען איז מקריב א קרבן איז מען זוכה צו ווערן צוריק נאנט צום באשעפער, דאס איז דער באדייט פון דאס ווארט **'קרבן'** וואס איז מלשון הקרבה - זיך דערנענטערן.

דאס איז נאר ווען איינער טוט א עבירה 'בשוגג', וואס די עבירה איז נישט פוגם אין די נשמה, נאר עס טוט פאַרשאפן אַ דערווייטערונג פון באַשעפער, אויף דעם העלפט א קרבן.

די המשך איז אין עמוד ב'

הוצאת הגליון והפצתו להצלחת צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל העניניס

## המשך אמרות שמשון

דאַקעגן ווען א מענטש טוט אַ עבירה 'במזיד' וואס איז פיל האַרבער, דאַן ווערט געשאַפן א פגם אין די נשמה און ער קען נישט צוריק נתקַרב ווערן צום באשעפער איידער ער טוט פאַררעכטן דער פגם אינעם נשמה, און אויף דעם העלפט נישט קיין קרבן.

עס שטייט אין חז"ל, ווען דער יצר הרע קומט צורעדן א מענטש צו טון א עבירה, קומט ער נישט גלייך צורעדן מיט א גרויסע עבירה, נאר צוערשט פראָבירט ער צורעדן דער מענטש מיט א קליינע עבירה, אויב דער מענטש פאַלט דורך, קומט ער נאכדעם מכשיל זיין מיט גרויסע עבירות.

דערפאַר האט דער אויבערשטער געגעבן פאר כלל ישראל א 'מתנה' דעם ביהמ"ק מיט אירע קרבנות, כדי אויב דער יצר הרע פאַנגט אן צו מכשיל זיין מיט שגגות זאל מען קענען זאָפאָרט ברענגען א קרבן און האבן א כפרה, און מען זאל חלילה נישט צוקומען נכשל צו ווערן מיט עבירות חמורות - במזיד.

מיט דעם פארשטייט מען דער אויפטו פון קרבנות וועלכע העלפט נאר צו מכפר זיין אויף עבירות בשוגג, וויבאלד אויב ברענגט מען גלייך א קרבן אויף די שגגות וועט מען קיינמאל נישט צוקומען צו עובר זיין עבירות במזיד.

❖❖❖

אבער אויב כלל ישראל זינדיגט און האט נישט חרטה אויף די עבירות בשוגג, דאן ווערט מען נכשל מיט גרעסערע עבירות, מיטן עובר זיין עבירות במזיד, אויף דעם וועט שוין מער נישט העלפן די קרבנות, וייל וואס העלפט א כפרה אויף שגגות אויב מען פארמאגט מיט זיך אויך זדונות? און אויף זדונות העלפט דאך נישט קיין קרבנות.

צוליב דעם מוז מען צוקומען צו א כפרה דורך אַן אַנדערן וועג, וואס דאס איז צו פאַרטריבן ווערן אין גלות און דער ביהמ"ק וועט חרוב ווערן, און דאס וועט זיין א עונש אויף די עבירות במזיד.

און ווען מען איז פארטריבן אין גלות און מ'טוט עבירות ווערט די עבירות פאַררעכנט ווי א 'אונס' צוליב די צער און צומישעניש וואס מ'ליידט פון די אומות העולם.

אזוי ווי עס שטייט אין 'מדרש' (ילקוט פרשת בשלח אות רל"ד), דער 'מלאך מיכאל' האט מליץ יושר געווען אויף כלל ישראל אין מצרים, טראץ וואס זיי האבן געדינט עבודה זרה איז דאס נישט געווען זייער שולד, נאר צוליב די צער השעבוד. און מיט'ן צער הגלות און צער השעבוד ווערט נתכפר אויך די עבירות חמורות.

❖❖❖

מיט דעם אויבנדערמאנטע פשט קען מען פאַרטייטשן דעם פאלגענדע פסוק אין תהלים (יט, יג): **שְׁגִיאוֹת מִי יָבִין מִנִּסְתָּרוֹת נַקֵּנִי, גַּם מִזֵּדִים חֲשֹׂךְ עַבְדֶּךָ וגו'.**

**שְׁגִיאוֹת מִי יָבִין** - א מענטש קען זיך נישט אפהיטן פון טון עבירות בשוגג, דערפאר האט דער אויבערשטער געמאַכט ווען א מענטש ווערט דערוואוסט אז ער איז געשטרויכלט געווארן מיט א עבירה בשוגג, קען ער תשובה טון און בעטן מחילה (און מקריב זיין קרבנות), אזוי וועט ער נתכפר ווערן אויפן עבירה.

**מִנִּסְתָּרוֹת** - עבירות וואס ער ווייסט נישט בכלל ער האט עובר געווען, בעט מען דער באשעפער **נַקֵּנִי** - דער אויבערשטער זאל דאס אליינס מוחל זיין אן קיין תשובה.

און נאָכדעם וואס מען ווערט נתכפר אויףביידע סארט עבירות, 'שגגות' דורך תשובה און 'נסתרות' דורכ'ן באשעפער, וועט מען זוכה זיין צו **גַּם מִזֵּדִים חֲשֹׂךְ עַבְדֶּךָ** - מ'וועט חלילה נישט צוקומען צו עובר זיין עבירות במזיד, (וואס עבירות במזיד קומט אויף א מענטש נאר אויב ער האט נישט געהאט א כפרה אויף עבירות בשוגג).

(פרשת פקודי אות ד')

❖❖❖

## גבורת שמשון

### סיפורי ישועה

**פאַרשלעפט אין שידוכים | פארמאגט נישט קיין ישוב הדעת | א זרע שמשון שידוך | שלעפט מיט נאך פיר שידוכים | מגלגלין זכות**

**עס פארציילט הרב ק. שליט"א פון וויליאַמסבורג אין א שמועס צו הרב בנימין פאשקעס שליט"א:** איך האב געהאט א פיינע זון וואס איז געווען א עלטערע בחור און עס איז נישט געגאנגען קיין שידוכים, עס איז אריבער א לענגערע צייט וואס מיר האבן זיך שטארק געמוטשעט, טראץ וואס שדכנים האבן כסדר גערופן מיט געדאנקן איז יעדע שידוך פאַרהאַקט געווארן אינמיטן וועג, איך האב נישט געוואוסט וואס מ'קען טון צו אונטער שמירן די רעדער אז שידוכים זאלן זיך אנהייבן רוקן.

די שווערע סוגיא פון שידוכים דארף מען נישט מסביר זיין, אבער ביי מיר איז דאס שוועריקייט געווען אויף צוויי פראָנטן, צוערשט דער פאקט אז מ'פאַרמאָגט א עלטערע זון אין שידוכים וואס פארשאפט נישט קיין איבריגע נחת. צווייטנס, זיין פארנומען מיט א שידוך פאר עטליכע וואכן אדער חדשים, אריינלייגן אָן אַ צאָל שעות און קאָפ ווייי, נישטערן אינפארמאציע, זיך נאכפרעגן אא"וו, און נאכדעם זאל זיך אלעס אויסלאזן מיט גארנישט, דאס האט ביי מיר צוגענומען אסאך מנוחת הדעת והנפש.

ערגעצוואו - צווישן איין שידוך אין א אנדערע - וואס האט זיך אויסגעלאזט מיט א גארנישט, האב איך זיך דערוואוסט פון דער הייליגן ספר 'זרע שמשון', איך האב עס געקויפט און אנגעהויבן צו לערנען, מיט א שטארקע האפנונג אז בזכות לערנען דער ספר און מקיים זיין בקשת המחבר וועל איך געהאלפן ווערן מיט א שידוך פאר מיין זון.

א קורצע ווילע שפעטער, האט א שדכן גערופן מיט א געדאנק, און ב"ה די שידוך האט זיך אנגעהויבן צו רוקן פאראויס.

צו באמערקן: וויבאלד מיין זון איז שוין געווען עטליכע יאר אין שידוכים, ווי שידוכים זענען כסדר ארויפגעקומען און אראפגעגאנגען פון טיש איינס נאכן צווייטן, האב איך זיך קיינמאל נישט געאיילט אהיים צו רופן מיין זון פון ישיבה, נישט וועלנדיג צולייגן איבריגע ווייטאגן, אבער ווען עס געקומען צו דעם שידוך, האב איך געשפירט א געוויסע פארלייכטערונג אין הארץ, שפירנדיג אז דאס וועט זיין די ענדגילטיגע שידוך בס"ד.

מיט א רואיגער הארץ האב איך אריבער געברענגט מיין חתן-בחור, און ב"ה ס'איז געפארן געשמירט און די שידוך איז צושטאנד געקומען אין א מזל'דיגע שעה.

די שידוך ווערט ביי מיר פארצייכנט אלץ **'א זרע שמשון שידוך'** ווי דער הייליגער זרע שמשון האט איבערגענומען די לייצעס פונעם שידוך, וויבאלד גלייך נאכדעם וואס איך האב אנגעהויבן צו לערנען איז ארויפגעקומען בלויז די שידוך, וואס האט זיך געענדיגט א קורצע צייט שפעטער בשעה טובה ומוצלחת, אן קיין איבריגע קאפ ווייי און צייט פארשווענדעניש.

**פארציילט ווייטער הרב ק. שליט"א:** מיין זון - דער פרישער חתן, האט געהאט נאך פיר חברים וואס זענען אויך נאך געשטאנען אויף די ליסטע פון שדכנים, און געווארט אומגעדולדיג צו קענען אויפשטעלן זייערע אייגענע שטיבער.

ווען מיין זון איז צוריקגעקומען אלץ חתן, האט ער זיי פארציילט זיין 'זרע שמשון שידוך' און זיי פארגעשלאגן זיי זאלן אליינס אויספראָבירן דאס ווירקזאַמע סגולה פון לערנען 'זרע שמשון'. זיי האבן טאקע אלע אנגעהויבן צו לערנען דעם ספר, און ב"ה פיר חדשים שפעטער זענען שוין אלע געווען חתנים בשעה טובה ומוצלחת!

**פירט אויס הרב ק. שליט"א:** 'ר' בנימין טייערע', **מגלגלין זכות!** נישט נאר וואס דו האסט זוכה געווען צו פארשפרייטן תורת רבינו ה'זרע שמשון' זי"ע איבער די גאנצע וועלט, און מאכן א נחת רוח לנשמת האי צדיק וקדוש. ביזטו גלייכצייטיג אויך געווען דער גוטער שליח צו ברענגן א ישועה פאר פינעף עלטערע בחורים, צו טרעפן זייערע באשערטע לאנג-ערווארטעטע שידוך! זי"ע.

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו